**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/31/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט נייע לאנג איילענד רעיל-ראוד טערמינאל אין מידטאַון מאנהעטען וועט א נאמען געגעבן ווערן גרענד צענטראל מעדיסאן**

***LIRR סערוויס צום איסט סייד מאנהעטען איז ווייטער באשטימט זיך אנצוהויבן היי-יאר***

***עפענונג פון טערמינאל צו ערמעגליכן היסטארישע LIRR סערוויס העכערונג פון 40 פראצענט, פארשטערקערן צוריקצווועגס-קאמיוטינג, רייזן נישט אין הויפט צייטן, און רעדוצירן געדראנג אין פען סטעישען***

***פארגעשלאגענע צייט-טאוולען זענען דאס ערשטע גרונטליכע איבערארבעטונג פון דעם סקעדזשול אין צענדליגע יארן; רעכענט אריין באדייטנדע פארבעסערונגען אין צוריקצווועגס-קאמיוט און פארן נישט אין הויפט צייטן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז דער 700,000 סקווער-פיסיגע לאנג איילענד רעיל-ראוד טערמינאל וואס נענטערט זיך צו ענדיגן אונטער גרענד צענטראל טערמינאל און מעדיסאן עוועניו פון 43׳סטע סטריט צו 48׳סטע סטריט וועט א נאמען געגעבן ווערן גרענד צענטראל מעדיסאן. דער נייער נאמען גרענד צענטראל מעדיסאן דערמאנט די סטאנציע׳ס לאקאציע איינגעזעצט אונטער גרענד צענטראל טערמינאל און די בארימטע מעדיסאן עוועניו קארידאר. LIRR באן סערוויס צום נייעם טערמינאל, פארטרעטנדיג די גרעסטע פארברייטערונג פון LIRR סערוויס אין די 112 יאר זינט דעם ארגינעלן פענסילווניע סטאנציע און איר איסט ריווער טונעלן געעפנט אום סעפטעמבער 8, 1910, בלייבט באשטימט זיך אנצוהויבן בעפאר דער ענדע פון דעם יאר. דער LIRR וועט ארויסגעבן פראוויזארישע צייט-טאוולען דעם וואך וועלכע וועלן ווייזן די נייע סערוויס בעפאר פובליק אינפארמאציע סעסיעס.

דער נייער טערמינאל איז דער גרעסטער פאסאזשיר באן טערמינאל געבויט צו ווערן אין די פאראייניגטע שטאטן זינט די 1950׳ער יארן, און דער 11.1 ביליאן דאלערדיגע אינפראסטרוקטור פראיעקט צו באהעפטן דעם לאנג איילענד רעיל-ראוד צום איסט סייד וועט באזארגן אומאויסרעכנענדע בענעפיטן פאר דעם גאנצן אונטער-סטעיט ראיאן און אירע באזוכער, פארשטערקערן גלאטיגע ראאנישע רייזן נישט בלויז אין שפיץ שטונדעס נאר אויך אויף צוריקצווועגס, און רייזן נישט אין שפיץ-שעה׳ן אין א נאך-פאנדעמישער סביבה.

״דאס איז דערפרייענדן, היסטארישן מאמענט פאר ניו יארק סטעיט, לאנג איילענד, און דער MTA אזוי ווי ניו יארקער שטייען בלויז מאנאטן פון קענען גלאטערהייט נעמען א באן צווישן איסט מידטאַון און לאנג איילענד,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״גרענד צענטראל מעדיסאן — דער גרעסטער פאסאזשיר באן טערמינאל געבויט זינט די 1950׳ער יארן — וועט אינגאנצן ענדערן די אומשטענדן פאר לאנג איילענד, ערמעגליכן פאר LIRR צו דראמאטיש פארברייטערן סערוויס און אפערירן מער

פארלעסליכערהייט פאר קאָמיוטערס, און רעדוצירן געדראנג ביי פען סטעישען. מיר וועלן ווייטער אנהאלטן צוריקצובויען שטארקער פון דער פאנדעמיע און ליפערן טעכנאלאגיש פארגעשריטענע, 21סטע יארהונדערט אינפראסטרוקטור ווי עס פאסט זיך פאר ניו יארקער."

"דער MTA האט שווער געארבעט אין די פארלאפענע פיר יאר — אריינגערעכנט דורכאויס דער פאנדעמיע — זיך צו האלטן צו דער 2022 עפענונג דאטום," **האט געזאגט MTA פארזיצער און CEO דזשענא ליעבער.** "מיר האבן זיך פארגעשטעלט פראיעקט פארוואלטונג פונדאסניי אויף צו פארזיכערן דערנעבנדע קאנטראקטן זענען פארזיכטיג קאארדינירט צו פארמיידן קאנפליקטן פאראורזאכט דורך פארשפעטיגונג; פשוט'ער געמאכט דעם ענדערונג-סדר פראצעס; באפולמעכטיגט פראיעקט פארוואלטער און טראנספארמירט אן נישט גענוג דייטליכע סקעדזשול מיט בלויז 8,500 אקטיוויטעטן אין 40,000 באזונדערע פראדוקטן און אקטיוויטעטן וועלכע קענען נאכגעשפירט און פארענדיגט ווערן."

"דער לאנג איילענד רעיל-ראוד ארבעטסקראפט און קאנטראקטארן האבן געארבעט זיכערערהייט דער פאנדעמיע צו האלטן דעם פראיעקט אויף די רעלסן און איך וויל אפלאדירן זייער טריישאפט," **האט געזאגט MTA קאנסטרוקציע און דעוועלאָפמענט פרעזידענט דזשעימי טארעס-ספרינגער.** "די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט וועט העכערן LIRR שפיץ שעה'ן קאפאציטעט, און אינאיינעם מיט דער LIRR דריטער טרעק פראיעקט, מאכן א ווירקליכע צוריקצוועגס-קאמיוט צווישן מאנהעטען און לאנג איילענד א ווירקליכקייט."

די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן, אינאיינעם מיט א נייע דריטער טרעק אויף דעם LIRR מעין ליין וואס איז באשטימט זיך צו עפענען אין 2022, וועט ערמעגליכן פאר'ן LIRR צו העכערן סערוויס איבער'ן סיסטעם דורך א שטוינענדע 40 פראצענט אין צופרי שפיץ שעה'ן סערוויס, און דראמאטיש העכערן צוריקצוועגס שפיץ סערוויס. עס וועט זיין דער LIRR'ס ערשטע איינטריט פונקט אריין אין מאנהעטען וואס ווערט נישט מיטגעטיילט מיט אנדערע רעילראָודס, וועלכס באדייט גרעסערע פארלעסליכקייט צוליב ווייניגער איסגעשטעלטקייט צו סערוויס שטערונגען, און מער אפציעס פאר באנען און פארער זיך אן עצה צו געבן ווען עס פאסירט יא.

גרענד צענטראל מעדיסאן וועט רעדוצירן פאסאזשיר געדראנג ביי פען סטעישען, וועלכס וועט גיבן די מעגליכקייט פאר באנען פון מעטראָ-נאָרט רעילראָוד אריינצוקומען שפעטער דעם צענדליג-יאר. דער נייער טערמינאל וועט ציען געוויסע LIRR באנען צום איסט סייד, און רעדוצירן געדראנג אין פען סטעישען און ערמעגליכן פאר א גענצליכע איבערבוי עס צו עפענען צו נאטורליכע ליכט און בויען א מער פארשפרייטע פאראייניגטע פאסאזשיר קאָנקורס מיט גרינגע וועג-טרעפונג, בעסערע צוטריט צו באן פארלאזן אינפארמאציע, ארויסגאנגען, אריינגאנגען, און וועגן צו טרעקס.

דער נייער טערמינאל וועט האבן אכט טרעקס און פיר פלאטפארמעס אויף צוויי נייע שטאפלען אונטער דעם עקזיסטירנדן שטאק פון גרענד צענטראל טערמינאל, אלע אויסגעסטיליזירט מיט גרינג-צו-טרעפן וועגן צו העלפן אריענטירן אומקערנדע באניצער דורך דקות'דיגע קלאר ענדערונגען לויט די לאקאציע. אלע טרעקס און פלאטפארמעס זענען פולשטענדיג אפגעזונדערט פון מעטראָ-נאָרט רעילראָוד, צו פארזיכערן אז קיין איינס פון די רעילראָודס פאראורזאכן פארשפעטיגונגען פאר'ן אנדערן. דער טערמינאל וועט פיגורירן עכט-צייטיגע דיגיטאלע שילדן, שטאנדהאפטיגע צעליולער סערוויס און ווי-פיי, 25 ריטעיל געשעפטן, פיר נייע אריינגאנג פונקטן צום גאסן שטאפל לענגאויס מעדיסאן עוועניו צווישן 43'סטע סטריט און 48'סטע סטריט און צוויי נייע אריינגאנג פונקטן אין די עקזיסטירנדע ערטער פון גרענד צענטראל און צוויי צו גרענד צענטראל'ס צפון עק דורכגאנגען ביי 45'סטע און 47'סטע סטריטס.

מאנשאפטן פון MTA קאנסטרוקציע און דעוועלאפמענט, MTA לאנג איילענד רעיל-ראוד און קאנטראקטאר טעסט'ען סיסטעמען אריינגערעכנט סיגנאלן, פארוואנדונג-געצייג, עלעקטרישע קראפט,

קאסטומער סערוויס דאטא, און HVAC צו פארזיכערן אז אלעס ארבעט ווי עס דארף צו זיין בעפאר באן סערוויס הייבט זיך אן, און די LIRR טוט אנווייזן באן אפעראציע מאנשאפטן איבער די אויסלייג און אפעראציעס פון דעם נייעם טערמינאל.

**LIRR וועלן ארויסגעבן פראוויזארישע צייט-טאוולען**

די וואך וועט LIRR ארויסגעבן פראוויזארישע צייט-טאוולען פאר יעדער LIRR צווייג וואס וועט ווייזן פארגעשלאגענע סערוויס איבער'ן גאנצן סיסטעם נאך די עפענונג פון דעם LIRR׳ס גרענד צענטראל מעדיסאן טערמינאל. דער LIRR וועט האלטן א סעריע ווירטועלע פובליק אינפארמאציע סעסיעס קומענדע חודש אויף צו זאמלען פובליק מיינונגען אויף די צייט-טאוולען.

״אונזערע סערוויס פלאנירער האבן אויסגענוצט די געלעגנהייטן פון דער עפענונג פון סערוויס צו גרענד צענטראל מעדיסאן צו נעמען א גענצליך פרישן בליק אויף די סקעדזשולס, עפעס וואס האט נישט פאסירט אין איבער 30 יאר,״ **האט געזאגט צווישנצייטיגע פרעזידענטקע קאטערינע רינאלדי.** ״מיר ווילן אז די פובליק זאלן קענען זען די פראוויזארישע צייט-טאוולען מאנאטן בעפאר סערוויס הייבט זיך אן, און מיר פלאנירן ארויסצוגעבן די ענדגילטיגע צייט-טאוולען דעם הערבסט.״

איינצוימונגען וועלכע האבן לאנג דערדרוקט LIRR קאפאציטעט פלאץ ווערן געהויבן א דאנק דאס טאפלען פון רעלסן קאפאציטעט צו מאנהעטען, א דריטער טרעק אויף דעם LIRR מעין ליין, און די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן, די גרעסטע נייע רעילראוד טערמינאל זיך צו עפענען אין די פאראייניגטע שטאטן זינט די 1950׳ער יארן. די נייע צייט-טאוולען באטן אן א שטוינענדער מאס דייטליכע איינצלהייטן אויף די מערסט דראמאטישע LIRR סערוויס העכערונגען אין דורות.

**סיסטעם-ברייטע סערוויס העכערונגען באדייט מער באנען אין די אינדערפרי יאגנדע שעה׳ן, נאכמיטאג יאגנדע שעה׳ן, שפיץ שעה׳ן אויף צוריקצווועגס און נישט שפיץ שעה׳ן**

די צייט-טאוולען טראגן אן צו העכערן די כללות׳דיגע צאל LIRR באנען דורך 40 פראצענט. די צאל צופרי יאגנדע שעה׳ן באנען וועלן זיך העכערן מיט עטוואס מער ווי 40 פראצענט און די צאל נאכמיטאג / אוונט שפיץ שעה׳ן באנען וועלן זיך העכערן מיט באלד 65 פראצענט. א דאנק די נייע טערמינאל און דער LIRR מעין ליין פארברייטערונג פראיעקט (דריטער טרעק), צוריקצווועגס שפיץ שעה׳ן סערוויס וועלן דראמאטיש זיך פארבעסערן צו ראנאקאנקאמא, הונטינגטאן און אלע צווישנדיגע סטאנציעס, ווי אויך פון ברוקלין, וואו סערוויס צו דזשעמעיקע העכערט זיך.

די צייט-טאוולען וועלן פארבעסערן די אויסשפרייטונג פון באנען אויף פילע צווייגן, און רעדוצירן גרויסע איבעררייסן אין סערוויס. דורכאויס די נישט-שפיץ שעה׳ן פון אפעראציע אין מיטטאג צייטן, אוונטן, און סוף-וואך, וועלן הונטינגטאן און ראנאקאנקאמא וועלן יעדע האבן סערוויס צו מאנהעטען יעדע 30 מינוט, מיט סוף-וואך ראנאקאנקאמא צווייג סערוויס זיך טאפלען מיט דער פארענדיגונג פון דעם טאפלטע טרעק פראיעקט, וואס האט צוגעברענגט 13 מייל פון א שפאגל-נייע צווייטע טרעק צווישן פארמינגדעיל און ראנאקאנקאמא, און די מעין ליין פארברייטערונג פראיעקט.

אויף דעם וועסט העמפסטעד צווייג וועלן באנען לויפן יעדע שעה דורכאויס נישט-שפיץ שעה׳ן, טאפלט אזוי אפט ווי היינט, און די נויט אריבערצוגיין פון איין באן צו א צווייטער ביי וואלי סטרים ווערט עלימינירט. סטאנציעס אין קווינס וועלן זען סערוויס העכערונגען דורכאויס דעם טאג אין סיי שפיץ שעה׳ן און נישט-שפיץ שעה׳ן.

**״אריבערגיין ביי דזשעמעיקע״ ענדערט זיך**

כדי צו רעדוצירן פארשפעטיגונגען וועלכע קענען פארקומען איצט ביי דזשעמעיקע סטאנציע בשעת באנען ווארטן פאר א באהעפטנדער באן, און צו ערמעגליכן פאר LIRR אריבערצופירן א באדייטנדע צאל מער באנען דורך די סטאנציע, וועלן באנען מער נישט האבן באהעפטונגען באשטימט גע׳סקעדזשיול׳ט ביי דזשעמעיקע.

מאנהעטען-ריכטונג קאסטומערס דורכאויס יאגעניש-שעה׳ן אויף רוב צווייגן, און א גאנצן טאג אויף די מערסט געניצטע צווייגן, וועלן געפונען א ברייטע אויסוואל אפציעס זיי צו נעמען צו זייער אויסגעוועלטע טערמינאל אן צו דארפן זיך אריבערציען צו אנדערע באנען. פאר די וועלכע דארפן טראנספערירן, וועלן אלע באנען איצט מאכן סטאנציע סטאַפּס ביי דזשעמעיקע אויף צו רעדוצירן ווארט צייטן. נאכדעם ווא סדי סקעדזשולס ווערן ענדגילטיג באשלאסן אין הערבסט, וועט דער ׳טרעין-טיים׳ עפ ווערן גע׳אפדעיט׳עט צוזשטעלן טראנספער רעקאמענדאציעס.

**סערוויס צו ברוקלין זיך צו העכערן ביז 28 פראצענט**

אין ברוקלין, וועלן באנען לויפן אומגעפער יעדע 12 מינוט איןביידע ריכטונגען דורכאויס שפיץ שעה׳ן און יעדע 20 מינוט דורכאויס נישט-שפיץ שעה׳ן פאר א כללות׳דיגע 28 פראצענט העכערונג אין טעגליכע באנען. יעדע באן וועט זיך אפשטעלן ביי נאסטערענד עוועניו און איסט ניו יארק. רוב ברוקלין באנען וועלן קומען פון און זיך אפשטעלן ביי דזשעמעיקע ניצנדיג דעם נייעם פלאטפארמע F, אבער דער LIRR וועט אנהאלטן געוויסע דורכגאנג סערוויס מיט שפיץ און נישט-שפיץ באנען אויף דעם וועסט העמפסטעד צווייג און שפיץ שעה באנען אויף די בעבילאָן און העמפסטעד צווייגן. רוב קאסטומערס אויף די פּאַר ראַקעוועי און העמפסטעד צווייגן, וועמענס באנען סערווירן איצט ברוקלין הויפטזעכליך, וועלן איצט האבן דירעקט סערוויס צו מאנהעטען יעדן טאג.

**LIRR וועט האלטן אינפארמאציע סעסיעס אויף נייע צייט-טאוולען**

דער LIRR וועט האלטן פיר ווירטועלע קאסטומער אינפארמאציע סעסיע איבער די פארגעשלאגענע נייע צייט-טאוולען ביי די פאלגענדע דאטומען און צייטן:

- יוני 23 - 7-6 אוונט
- יוני 30 - 7-6 אוונט
- יול 7 - 7-6 אוונט
- יול 13 - 8-6 אוונט

**קאנגרעספרוי קעראלין מאלאני האט געזאגט,** ״דער לאנג-ערווארטעטע איסט סייד צוטריט פראיעקט — צו באהעפטן לאנג איילענד רעיל-ראוד סערוויס צו די איסט סייד פון מאנהעטען — איז איצט בלויז טריט פון ווערן א ווירקליכקייט. דער סערוויס וועט ענדערן די שטייגער וויאזוי לאנג איילענדער קאָמיוּט׳ען אריין אין שטאט, פארברייטערן איסט סייד סערוויס, און ווייטער שטיצן פארערשאפט אזוי ווי ניו יארק׳ס עקאנאמיע קערט זיך צוריק. איך שטאלציר מיך צו האבן געוועזן דער פעדעראלער צוזאמארבעטער אין דעם פראיעקט דורך ארבעטן מיט דער מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט און ניו יארק סטעיט אויף צו זען דעם פראיעקט פארענדיגט.״

**סטעיט סענאטאר ברעד הוילמען האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך שטארק די גאווערנער׳ס אויסמעלדונג אז דער ניי א נאמען געגעבענע גרענד צענטראל מעדיסאן וועט האלטן איר ארגינעלן עפענונג דאטום פון 2022. ברייטע און פארלעסליכע מאסן טראנזיט איז ווייטער דאס וואס זונדערט אפ ניו יארק און מידטאָון מאנהעטען פון די אנדערע גרויסע שטעט אין דער וועלט און גרענד צענטראל מעדיסאן וועט ווייטער בויען אויף דער פארמעסטערישע מעלה דורך צושטעלן א באהעפטונג צו לאנג איילענד און רעדוצירן געדראנג

פאר פארער ביי פען סטעישען. איך בין אויסערגעווענטליך דאנקבאר איבער די קאנסטרוקציע און MTA ארבעטער וועלכע האבן ערמעגליכט די פארשריטן, איבערהויפט דורכאויס די שווערע קאָוויד-19 פאנדעמיע.״

**מאנהעטען בארא פרעזידענט מארק לעווין האט געזאגט,** ״גרענד צענטראל מעדיסאן וועט זיין א ריזיגע אונטערהייב פאר׳ן איסט סייד אין צוגאב צו לינדערן געדראנג ביי פען סטעישען. פארבעסערן טראנזיט צו מאנהעטען וועט העלפן טרייבן ארטיגע עקאנאמישע ערהוילונג, איבערהויפט פאר א ביזנעס קארידאר וועלכס איז אזוי צוקלאפט געווארן דורך דער פאנדעמיע. דער טערמינאל און די געהעכערטע סערוויס באלוינט אויך וויינעגער קאַר פארן צו מאנהעטען, און דאס איז א געווינס פאר דער ענווייראָנמענט און פאר לעבנס-קוואליטעט.״

**קאונסיל מיטגליד קיעט פאווערס האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך זייער אז נייע LIRR סערוויס ביי גרענד צענטראל מעדיסאן וועט קומען צו מידטאָון מאנהעטען דעם יאר. ניו יארק סיטי איז כסדר אין באוועגונג, און אונזער ערהוילונג איז אפהענגיג אויף געשווינדע, פארלעסליכע, און צוטריטליכע טראנספארטאציע אפציעס פאר יעדן. איך לויב גאווערנער האוקול און דער MTA פאר זייערע באמיאונגען צו שטעלן אלס הויפט צוועק פובליק טראנזיט אין אונזער שטאט, פאראויסקוקן צו דעם טערמינאל׳ס פארענדיגונג.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן